# דער דיכטער ישׂראל שטערן

די איצטיקע אויסגאַבע פון ישׂראל שטערנס ז״ל לידער און עסייען איז נישט קיין אָפּקלייב פון שטערנס ווערק, נאָר אַן אויפֿזאַמלונג. זי נעמט אַריין כמעט אַלץ, וואָס דער דיכטער האָט פאַרעפנטלעכט אין משך פון אַ צוויי צענדליק יאָר אין די ידישע ציטונגען, וואָכנבלעטער און אַלמאַנאַכן אין פוילן, זינט אַן ערך 1919 ביז דער וואַרשעווער געטאָ און אומקום־יאָרן, ווען דעם דיכטערס טיפֿטראַגיש לעבן איז פאַרשניטן געוואָרן.

דער צוועק פון דער מ. ל. שטיין־ביבליאָטעק איז מערסטנס צו געבן אַן אָפּקלייב אין איין בוך פון אַ שרייבערס פילצאָליקע ווערק. אין פאַל אָבער פון ישׂראל שטערן איז נישט שייך קיין אָפּקלייב פון זיין אַמאָל אַרויסגעגעבענע ווערק פונעם דיכטער. ישׂראל שטערן, געטריי צו זיין אויסטערלישן מהות, האָט ביי זיין לעבן קיין בוך נישט אַרויסגעגעבן און, אויף וויפל מיר ווייסן וועגן אים און זיין הנהגה, — אַן הנהגה פון אַ מענטשן, וואָס לעבט אַזוי ווי אויף יענער זייט פון אינטערעסן און אָנגענומענער איינגעאָרדנטקייט, — האָט ער אויך נישט געוואָלט, און אינגערלעך נישט געקענט, פאַרנעמען זיך מיט אויפהיטן זיינע זאַכן און אויפזאַמלען זיי אין אַ בוך צווישן צוויי טאָולען.

זיינען זיינע לידער, — נישט קיין סך אין צאָל, — און זיינע

עסייען צעוואָרפן איבער פאַרשיידענע צייטשריפטן, און ס'איז נישט אַזוי לייכט אָנגעקומען זיי צונויפצוקלייבן איצט פאַר דער איצטיקער אויסגאַבע. די שפּעטערישע ווערטפולקייט פון ישראל שטערנס וואָרט, דערהויפּט פון זיין ליד, האָט אונדז אָנגעפילט מיט זאָרג פאַר יעדן ליד זיינעם — אויסצוגעפינען עס. אָבער מיר זיינען אויך איצט נישט אין גאַנצן זיכער צי אַלע לידער און אַלע עסייען, וואָס ישראל שטערן האָט אָפּגעדרוקט, זיינען אויפגעזוכט געוואָרן. דעריבער איז פּאַסיקער צו זאָגן אַז די זאַמלונג נעמט אַרייַן כמעט אַלץ.

אַ צאָל עסייען וועגן איניקע אייראָפּעאישע שרייבער האָט שטערן, אין אַ געוויסער צייט, געדרוקט אין בונדישע אויסגאַבעס פאַר יוגנט אונטער דעם פּסעוודאָנים אביגדור צ. דונקין*). אויך זיי האָבן מיר מסתמא נישט אַלע אויסגעפונען. וועגן די ווערק זיינע, וואָס ער האָט נישט געדרוקט, געהאַלטן ביי זיך — איז דאָך נישט שייך צו רעדן.

מנחם פלאַקסער, שטערנס בן־עיר, אין זיינע שטריכן צו דער ביאָגראַפיע פון ישראל שטערן, וואָס מיר גיבן צו דער פּתיחה פונעם בוך, דערציילט ביים סוף אַז, ווי עדי־ראיה האָבן איבערגעגעבן, האָט ישראל שטערן אין געטאָ אַ סך געשריבן, אָבער די כתבים זיינען אומגעקומען צוזאַמען מיט אים. — איז דאָך וועגן דעם אַוודאי נישט שייך צו רעדן. זיי זיינען נישטאָ. זיי זיינען אַוועק אין קדושה־טויט אינאיינעם מיט זייער מחבר.

די אויפזאַמלונג פאַרנעמט אַרום צוויי הונדערט און ניינציק זייטן, און מיר גייען־צו צו איר מיט אַ באַזונדערן יראת הכבוד ווי צו אַ בוך פון אַ זעלטענעם טראַגישן ייד און דיכטער, וואָס זיין טויט אין געטאָ איז שוין איינגעהילט אין לעגענדעס, ווי ס'איז איינגעהילט אין לעגענדעס דער קדושה־טויט פון אַ צווייטן זעלטענעם ייד און שעפער הלל צייטלין ז"ל, וואָס האָט שטאַרק מקרב געווען ישראל שטערן נאָך אין די אַמאָליקע גרויס־שעפערישע יאָרן אין 1920, און אין ווען ענס שטוב שטערן איז געווען אַ נאָענטער אָנגעלייגטער

*) די פיר עסייען, וואָס קומען ביים סוף פון בוך (געשריבן מער אויף אַ פּאָפּולאַריזאַטאָרישן אופן), האָט ישראל שטערן געדרוקט אין דער בונדישער שריפט „יוגנט־וועקער", וואַרשע, 1930, אונטערן פּסעוודאָנים אביגדור צ. דונקין.

אַריינגייער. הלל צייטלין, אגב, האָט אין 1920 אָפּגעדרוקט אין זײַנער א צייטשריפט „דער סנה" דריי פון שטערנס ערשטע לידער: „עכאָ", „די לבנה אין פענצטער", „בשעתן שוואַרצן רעגן".

* * *

די ווערטער, וואָס איך שרייב, גייען נישט אַריין אין גדר פון קריטיק און פון גענויער אָפּשאַצונג (דאָס וועט געוויס געטאָן ווערן פון דער באַרופענער קריטיק), נאָר גיכער אין גדר פון אַ באַזונדערער פערזענלעכער באַווירקונג און פון אַ פערזענלעכער אָנרעגונג, וואָס ישראל שטערנס דיכטער־גורל האָט אַרויסגערופן אין מיר בשעת איך האָב זיך באַקענט מיט אים ביי מיין באַזוך אין וואַרשע אין 1925 און, דערהויפּט, בשעת ס'איז דערגאַנגען צו אונדז אַהער אין דער צייט פון דער מלחמה די ידיעה, און גלייך מיט דעם די לעגענדע, ווי אַזוי ישראל שטערן איז אומגעקומען אין וואַרשעווער געטאָ. די זעלביקע באַווירקונג און אָנרעגונג פון ישראל שטערנס דיכטער־גורל רופן אין מיר אַרויס איצט זיינע לידער אויפסניי, ווען איך לייען זיי אין זייער צונויפזאַמלונג. איך שפיר, אַז זיין ענויים־טויט שטימט מיט דעם נוסח און, דערהויפּט, מיט דעם שאַרפן, טראַגיש־תהומיקן תוך פון זיינע לידער, וואָס אויך זיי שפּיר איך און זע זיי אונטער זיין קאַטאַסטראָפישן גורל־צייכן.

יאָ, ישראל שטערן דער דיכטער האָט אויך זיין פערזענלעך לעבן דורכגעטראָגן, אַזוי פיל איך, אונטערן שאַרפן צייכן פון קאַטאַסטראָפע, און אויך אַזוי האָט ער געאָנט דעם גאַנג פון דער וועלט און פון אונדזער פאָלק. ער האָט געשפּירט די אָנקומענדיקע טויט־פייערן לאַנג, לאַנג איידער נאָך זיי האָבן זיך אָנגעצונדן. ער האָט זיך געשטיקט אין אָנגסטיקע פינצטערנישן, איידער נאָך די גרויל־נעכט זיינען אָנגעקומען.

עלנט, ביטערקייט, אָרעמקייט, יתומימדיקייט, האַרטע שטייניקייט. דערוווייטערטקייט און פרעמדקייט צו מענטשן, וואָס מען מוז איבערהלומען און איבערשאַפן אין אַ נאָענטקייט; אַ דערווייטערטקייט פון גאָט וואָס מוז אויפגיין אין אַ גאָט־אָנטפּלעקונג.

און אָט ליגט ער אויף אַ בעט אין שפּיטאַל. אַ שטאַרק־קראַנקער,

א צוזאַמענגעבראָכענער. און ערשט אין שפּיטאַל נעמען זיך אַראָפּ־שיילן פון אים אַלע גראָבע עצבותן. עס רינען פון אים אַראָפּ די אייז־קלאַמערן פון טרויער און פאַרצווייפלונג. ערשט אינעם שפּיטאַל גייט אויף פאַר אים פרילינג; אויף די פּנימער פון די קראַנקע זעט ער פריידיק גאָטס גוטן שמייכל, און ער שרייבט אַן זיין פּאָעמע „פרילינג אין שפּיטאַל", וואָס מאַכט אַ טיפן רושם. די פּאָעמע איז געווען גע־דרוקט אין „וואַרשעווער אַלמאַנאַך", 1924.

איז ער געווען אַ פרומער אין טראַדיציאָנעל יידישן זין? עס לאָזט זיך צווייפלען אין דעם. אָבער טיף רעליגיעז איז ער געווען. אָן ספק. מיסטיש אָנגעהויכט און מיסטיש אין זיין אויפפירן זיך אין לעבן. גאָטס שמייכל האָט אָבער נישט געוועלטיקט איבער אים אין שטענדיקייט.

פון גרויס רעליגיעזקייט קען ער קומען אין זיין צימערל (ווער האָט געוואוסט וואו זיין מקום־מנוחה איז?) און זיך נעמען שלאָגן קאָפּ אָן דער וואַנט.

אָט זעט מען אים דרוקן זיך אין די „ליטעראַרישע בלעטער", און אָט אין דער בונדישער „פאָלקסצייטונג" און אין אַנדערע בונדישע אויסגאַבעס. איז ער געווען אַ בונדיסט? — ניין. אָבער ער האָט אַ שוואַכקייט צו די אָרעמע, ליידנדיקע פאָלקסמענטשן; צו די אַרבעטער וואָס האָרעווען; צו די נישט־אָנגעזעענע יידישע וואונדערלעכע איבור־נראהס.

אים לאָקט בכלל דער אָפּגעריסענער, דער פאַרזעענער מענטש.

ער איז אַליין אָרעם אָנגעטאָן, אָפּגעלאָזט. די קעשענעס אָבער פול מיט ליטעראַטור. מיט ווערק — מיט זיינע און מיט ווערק פון אַנדערע יידישע און נישט־יידישע שרייבער.

אין ליטעראַטן־פאַראיין אין וואַרשע איז מען אים גערן. מען שפּירט אין אים אַן אייגנאַרטיקע קראַפט. אַזוי דערציילן אַלע צייט־קאַלעגן פון אַמאָליקן וואַרשע. און איך בין אַליין געווען אַן עדות דערפון ווען כ'האָב באַזוכט וואַרשע אין 1925.

אַז ער קומט — זיצט ער אַליין, פאַרטאָן אין זיך. הייבט זיך אויף און גייט אַוועק. וואוהין גייט ער?

קיין משפחה האָט ער נישט. שלאָנדערט ער זיך אַרום איבער די וואַרשעווער גאַסן. ער האָט ליב די גאַסן, דערהויפּט די יידישע. ער קען אַזוי אַרומשלאָנדערן זיך אַ גאַנצן טאָג.

וואָס זוכט ער? נאָר ער אַליין ווייסט.

ער איז פלייציק, ברייט־אַקסלדיק. זיין טראָט — גאַנץ פעסט, הגם עס קען זיין, אַז ער האָט אַ גאַנצן טאָג נישט געגעסן צו זאַט.

און אָט פאַלט ער אַריין אין שטיבל פון די בראַצלאַווער חסידים. די „טויטע חסידים“, ווי מען האָט זיי גערופן. זייער געמיט איז אים צום האַרצן. ער בלייבט דאָרט אויף גאַנצע טעג, אַזוי ווי ער וואָלט געווען איינגאַנצן אַ זייעריקער. ער זיצט און לערנט. צוליב וואָס טוט ער עס? — צי דערפאַר וויל ער איז אַנטלאָפן פון מענטשן, צי דער־פאַר וויל ער האָט געפונען גאָט?

אַ מאָל — ביידע זאַכן. אי ער איז אַנטלאָפן, אי ער האָט געפונען.

און אַמאָל — ביידע זאַכן נישט.

און אָט איז ער ווידער איבער די גאַסן.

עס גייט אויף איבער אים דער הימל פון וואַרשע מיט פּחדים, מיט נייעם עלנד, און ערשט אין דעם נייעם עלנד נעמט ער שרייען: גאָט, זיי מיט מיר!

און אין מיטן פון די געשרייען צו גאָט פאַלט ער אַריין אין התלהבות, דערמאָנענדיק זיך אָן י. ל. פּרצן.

פּרץ איז פאַר אים דער הערלעכסטער מוסטער פון אַ יידישן דיכטער און קינסטלער. ער איז גליקלעך, וואָס ער איז געווען מיט פּרצן אין איין שטאָט און אין איין דור, און ער איז אומגליקלעך, וואָס פּרץ איז נישטאָ מער. אַזוינס שפּירן מיר אַרויס פון זיינע עקסטאַ־טישע ווערטער וועגן פּרצן אין זיין גרויסער עסיי „קרוינען צו דער יידישער קריטיק“.

* * *

מלך ראַוויטש*) אין זיין בוך „מיין לעקסיקאָן“ (אַרויס אין מאָנ־טרעאָל, 1945) אין זיין כאַראַקטעריזירן ישראל שטערן, דערציילט

*) מיר דאַנקען, אגב, האַרציק מלך ראַוויטשן פאַר דער כאַראַקטעריסטישער פאָטאָגראַפיע פון ישראל שטערן, וואָס ער האָט, פון זיין פּערזענלעכער אַרכיוו־קאָלעקציע, צוגעשיקט פאַר דער איצטיקער אויסגאַבע.